חודש תשרי, איז פארשטאנדיק אז ע"י התבוננות אין עניני סוכות קריגט מען ארויס א הבנה אין פנימית הענין פון שמע"צ.

כדי צו וויסן דעם תוכן פון סוכות דארף מען פריער וויסן פארוואס עס ווערט אנגערופן בשם סוכות, ווארום עס שטייט דאך אין שעהיוה"א, אז דער שם פון יעדער זאך ווי עס איז בלה"ק דאס איז מחי' ומהוה די זאך, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז דער נאמען גיט ארויס דעם עצם הדבר.

עפי"ז איז פארשטאנדיק וואס דער מדרש זאגט: אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו די מלאכים אויף אדה"ר, אז "חכמתו מרובה משלכם", מיט דעם וואס ער האט געגעבן נעמען צו אלע זאכן; וואס לכאורה וואס איז די גרויסע חכמה אין דעם? איז דאך פון דעם מוכח אז דאס זיינען ניט קיין שמות הסכמיים, ווארום אויב אזוי איז דאך אין דעם ניטא קיין חכמה, און דאס קענען אויך מלאכים, נאר דאס איז א הוכחה אז עס איז ניט קיין נאמען וואס קומט בהסכם, נאר דאס איז מגלה דעם מהות פון דעם ענין, און ווי דער לשון אין של"ה: אז אדה"ר האט געקוקט אין זייער שרש און אין די אותיות וואס זיינען זיי מחי' און דערפאר האט ער זיי גערופן מיט אט די נעמען, ובדוגמת השם שור.

דאס איז דער חידוש וואס ווערט דערציילט אין פ' בראשית, אז דאס וואס אדה"ר האט גערופן "הוא שמו", און דערנאך איז דער פסוק מוסיף "נפש חי' הוא שמו", ולכאורה איז עס א כפל לשון, ומאי קמ"ל? איז דער מגיד מפרש: אז דאס מיינט אז דער נאמען איז דער חיות פון יעדער זאך, ד.ה. אז דער חיות פון דעם שור למטה איז דאך פון דעם שור שבמרכבה, און אז אדה"ר האט געזען אז דער שור למטה נעמט זיך פון פני שור שבמרכבה, האט ער עם גערופן בשם שור.

פרעגט מען אויף דעם: לכאורה, אין וואס באשטייט די גדלות החכמה אין דעם, ווען די מלאכים וואלטן געקוקט אין די מרכבה וואלטן זיי דאס אויך געזען, און דאס וואס אדה"ר האט געקענט קוקן די מרכבה און זיי ניט, איז דאס ניט קיין ענין של חכמה נאר א ענין של בירור וזיכוך.

ובפרט אז צווישן די מלאכים, זיינען פאראן אזוינע וואס זיי אליין זיינען די מרכבה, האבען זיי דאך זיכער געוואוסט אז זייער נאמען איז שור, איז וואס פאר א ענטפער איז צו זיי אז "חכמתו מרובה משלכם", מצד דעם וואס אדה"ר האט געזען אז דאס הייסט שור מצד דעם שור שבמרכבה.

נאר דער ענין אין דעם איז: בשעת אדה"ר האט געזען א שור גשמי, וואס דאס איז לגמרי באי"ע צו דעם שור שבמרכבה, וכידוע אז וויפל אופנים השתלשל' בל"ג עס וועלן זיין, קען ניט נתהווה ווערן א יש גשמי פון רוחניות, דאס איז בלויז בכחו ויכלתו פון דעם אויבערשטן, דאס דארף זיין א שפרונג בעצם, אז פון רוחניות זאל ווערן גשמיות.

במילא בשעת מ'זעט א שור גשמי, איז אמת טאקע אז מ'קען וויסן, אז ער ווערט נמשך פון שור שבמרכבה, וואס דאס איז אויך א מלאך קדוש, ווי עס שטייט אין תניא אז די מלאכים וועלכע ווערן אנגערופן בשם בהמות וחיות זיינען ניט קיין מלאכים נעלים, אבער פני שור איז יא א ענין נעלה, אבער בלויז מצד דעם וואס מ'האט א הבנה אז עס קען זיין א שור גשמי וואס זאל מקבל זיין חיות פון פני שור שבמרכבה קען מען איהם נאך אלץ ניט אנרופען שור, ווארום אין חכמת המלאך איז ניטא קיין הסבר אויף דעם.

וכידוע אז א מלאך קומט אין וועלט איז אדער דער מלאך ווערט אויס, - כידוע בענין "הנפילים היו בארץ", אדער עס פארברענט דעם גשם; דער איינציגער וואס קען מחבר זיין גשמיות מיט רוחניות דאס איז דער אדם.

ד.ה. עס זאל זיין א מקום אין חכמה ושכל אז עס קען זיין בשר גשמי, און עס זאל ניט זיין א ענין פון קליפה, דאס קען נאר א אדם, אנרופען דעם גשמי בשם קדוש דאס איז ע"ז, און ניט בלויז שקר, נאר ע"ז, כידוע אז דאס וואס שם אלקים פועל'ט, איז באמת איז דאס שם הוי' עס איז נאר דורך די אותיות פון שם אלקים, ווי עס שטייט אין אגה"ק, אבער פונדעסטוועגן בשעת מ'דארף זיי אנרופען מיט א נאמען, רופט מען זיי אן, קליפות ועי"ז וסט"א, כאטש אז עס איז מקבל דעם חיות פון שם אלקים, און ניט פון אלקים אחרים, ואדרבה זיי איז גאר אסור מחי' זיין.

...חומר היפך הרוחני', איז דאס שוין א מלאך, וואס דורך איהם גייט דורך די השפעה, פונדעסטוועגען בשעת מ'זאגט איהם ער זאל אנרופען בשם, א שור גשמי, איז ניטא קיין מקום אין זיין הבנה והסברה עס זאל הייסען בשם שור, אזא הבנה קען זיין נאר בא אדה"ר, ווארום "חכמתו מרובה משלכם", וואס ער אליין איז "יציר כפיו של הקב"ה", און אויף איהם שטייט "אחור וקדם צרתני", אז ער איז מאחד דעם אחור מיט דעם קדם, ביז עס ווערט איין זאך, וואס ווערט אנגערופען בשם אדם.

פארוואס קען דאס טאקע דער אדם, ווייל ער איז "אדמה לעליון", דער אויבערשטער איז דאך "נמנע הנמנעות", און "עושה שלום במרומיו", כאטש "מיכאל שר של מים וגבריאל שר של אש", איז צווישן זיי איז ער "עושה שלום". און דא זאגט מען נאך מערער אז זיי ווערן גאר א ענין אחד, א שור, אז דער שור כמו שהוא למעלה, איז מחי' דעם גשמי, ועאכו"כ אז אזוי איז עס בנוגע להאדם.

ד.ה. אז דער וואס איז מגלה אין דעם שור אז זיין חיות נעמט זיך פון דעם צירוף למעלה, דאס איז דער אדם.

ווארום אויב מ'וועט זאגען, אז עס איז בלויז וואס דער שם איז מחי' דעם שור, און אדם האט דאס נאר אויפגעוויזען האט ער דאך גארניט אויפגעטאן, ווארום דער שור איז באשאפען געווארען פאר אדה"ר און האט געהאט זיין חיות, עס איז מערניט וואס אדה"ר האט דערציילט אז ער ווערט אנגערופען שור.

זאגט אבער תורת אמת, ניין! אדם האט דאס מגלה געווען, ביז דאן האבן מלאכים גע'טענה'ט: "מה אנוש כי תזכרנו", און אויך יעצט זיינען פאראן קליפות (חסר קצת), אבער פון ווען אדה"ר "ויקרא האדם שמות", האט ער אויפגעטאן א נייעם ענין, אז אין א בהמה וואס גייט אויף פיר פיס, האט ער מגלה געווען אז אין איר זאל שטייען בגילוי דער ענין השור, און אז מ'פרעגט ווי קומט עס אז דאס זאל הייסען בשם שור, דאס איז דאך אן ענין אין מרכבה, איז דער תירוץ אויף דעם אז אזוי זאגט תורת אמת, אז אין דעם שטייט בגלוי אט דער ענין, און ביז דאן איז דער ענין ניט געווען בגילוי, עס איז ניט געווען קיין שייכות פון א שור למטה צו דעם שור שבמרכבה.

דער ענין איז אויך פארבונדן מיט תורה, ווארום דאס איז דער חידוש התורה, אז עס פארבינט מעלה מיט מטה; תורה איז דאך שעשועים של הקב"ה און אויך שעשועי בנ"א, טענה'ען אבער די מלאכים אז אזא זאך איז אומעגליך, "מה אנוש כי תזכרנו" דאס איז דאך א "חמדה גנוזה", איז אדער דער מענטש זאל ווערן אויס, אדער די תורה זאל נשקע ווערן ר"ל.

זאגט מען אבער אז דאס האט זיך אויפגעטאן בא מ"ת, אז ביז דאן איז געווען א גזירה צווישן עליונים און תחתונים - גזירה פון לשון אפגעשניטן, און מ"ת האט גע'פועל'ט א קישור צווישן עליונים און תחתונים, ביז אז עס איז געווארן איין זאך.

אזא סדר עבודה הויבט זיך אן פון אידן, ווי עס שטייט "בראשית בשביל ישראל שנקראו ראשית", און זיי פועל'ן דאס אין וועלט, ע"ד ווי אדה"ר, וואס ער האט דאס אויפגעטאן אין דעם שור גשמי וכיו"ב.

ניט ווי מ'קען טענה'ן אז בעת אכו"ש איז מען פארבונדען מיט'ן נפה"ב, און בעת הלימוד איז מען פארבונדען מיט דעם נפה"א, זאגט תורה, ניין! "צדיק אוכל לשובע נפשו", אז עס איז דא א אכילה וואס איז פארבונדען מיט א צדיק,

וכידוע דער בריוו פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז בשעת ער זוכט א מאכל, מיינט ער אז דאס איז ווייל ער וויל עסן דעם מאכל, אבער באמת איז זיין נפה"א זוכט דעם ניצוץ שבזה, וכידוע תורת הבעש"ט אויף "התורה חסה על ממונן של ישראל", אז דאס איז מצד דעם וואס אין דעם איז דא א ניצוץ, איז אט אדער די ניצוצות דארפען אנקומען צו דער נשמה אדער די נשמה צו די ניצוצות.

בשעת מ'איז מבטל די גזירה צווישן נפה"א און נפה"ב איז מען מבטל די גזירה בכללות העולם, און עס ווערט "גוי אחד בארץ" - אז מען איז ממשיך אחדות בארץ, אז די "ז' רקיעים וארץ" (און די) ד' רוחות העולם" ווערן איינס מיט דעם "אלופו של עולם".

שמח"ת איז דאך די הכנה צו "ויעקב הלך לדרכו", וואס צווישען סוכות און "ויעקב הלך לדרכו", איז דא א שמע"צ אינמיטען, און צווישען שמע"צ מיט "ויעקב הלך לדרכו" איז דא שמח"ת, זעט מען בפועל אז אמנענסטען צום "ויעקב הלך לדרכו" איז בשמח"ת, נאר מ'איז מכריז פאר דעם אז מ'ווייס אז עס איז דא א הבדלה, אז מ'ווייס וואס איז יעקב און וואס איז דער דרך - מ'ווייס וואס איז דער מברר און וואס איז דער מתברר, און מ'טוט אין אן אופן פון "ומקרבן לתורה" און ניט אז מ'איז משנה תורה ח"ו.

דעריבער דארף די הכנה צו דעם זיין, אין אלע ענינים אין וואס עס איז הולך לדרכו, און דאס אלץ איז מרומז אין חג הסוכות, און אין דעם פנימיות פון סוכות וואס דאס איז שמע"צ, וואס דאס אלץ קען מען ארויסנעמען פון דעם נאמען סוכות.

וויסנדיק אז פון שמח"ת גייט מען צו דעם "ויעקב הלך לדרכו", איז כדי צו ממלא זיין די שליחות, אז יעקב זאל אלעמאל זיין א מהלך, דארף מען אויף דעם האבן די ענינים וואס זיינען פאראן אין דעם ווארט סוכות, וואס זיי באווייזען וואס איז דער ענין-פון חג הסוכות.

בשעת מ'נעמט מיט אט די ענינים ווערט מען א בעה"ב אויף דעם דרך, ביז עס ווערט אנגערופען דרכו, און עס ווערט עצרת, מלשון יורש עצר - מל' מלוכה, און ניט אז ער דארף זיך דינגען נאר ער קומט בתור מלך, און "אמר מלכא עקר תורא" - וואס ער איז מחליט צו טאן ווערט דאס אפגעטאן, און אין א אופן פון א מלך, אז דאס קומט אן בלי טרחא יתירה, און אויב נאר ער זאגט ווערט "עקר טורא".

בכללות איז דאס, אז דורך דעם "תען לשוני אמרתך", ווערט מען א בעה"ב אויף וועלט, ווארום תורה איז א בעה"ב אויף וועלט, און ער ווערט א בעה"ב אויף תורה וואס במילא ווערט ער א בעה"ב אויף וועלט, במילא ווערט דער "ויעקב הלך לדרכו" אין א אופן פון "הדרת מלך", מ'איז ממשיך דעם "תמליכוני עליכם" - אז דער אויבערשטער ווערט א מלך אויף ששים רבוא מלאכים און "מאן מלכי רבנן", און מ'מאכט אוף אז "די לו ית' באמירה בלבד", דורך לימוד התורה, און דאס איז ממשיך דעם "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דבר", אז "כל בשר" זעען אז "פי ה' דבר", בשמחה ובגלוי ובטוב לבב.



הנחה פרטית בלתי מוגה

ג. ע"פ הנ"ל וואס אדה"ר האט אופגעטאן בקריאת שם שור, וועט זיין פארשטאנדיק דער גאנצער ענין, כנ"ל.

ווארום אויב ניט איז ניט פארשטאנדיק, בשעת ווען דער אויבערשטער האט געזאגט "חכמתו מרובה משלכם", וואס האט ער זיך גענויטיגט ברייגגען א ראי' לדבריו, אז ער זאגט אמת?

אויך דארף מען פארשטיין, ס'איז דאך "ימים יוצרו ולו אחד בהם", יעדער ענין וואס עס איז נאר דא, איז עס דאך א חלק פון עבודה פון מאכען "לו ית' א "דירה בתחתונים", עאכו"כ די ענינים וואס זיינען געווען קודם החטא, בפרט אין ג"ע וואס דאס איז דער חלק המובחר פון וועלט, בפרט אז מ'רעדט בנוגע "יציר כפיו של הקב"ה", איז דאך זיכער פארשטאנדיק אז אלע זיינע תנועות און עאכו"כ זיינע מעשים זיינען געווען א חלק פון מאכען א "דירה לו ית' בתחתונים", א חלק פון דעם "לעבדה ולשמרה"; דארף מען פארשטיין וואס פאר א קשר האט דער קריאת שם שור צו דעם "לעבדה ולשמרה" פון ג"ע?

ע"פ הנ"ל איז עס מובן: דא רעדט מען דאך וועגן דעם שור וואס איז געווען אין ג"ע, און קודם החטא, עאכו"כ אז דער שור וואס איז באשאפן געווארן נאך פאר אדה"ר און האט געהאט נאר איין קרן - וואס דאס ווייזט אויף אחדות, און די וועלט איז געווען קודם החטא, און דאס רעדט זיך וועגן חלק המובחר פון וועלט - ג"ע, און אפילו ג"ע ווי עס איז יעצט איז ניט סובל קיין חטא, כ"ש ווי עס איז געווען יעמאלט, און אעפ"כ האט זיך ארומגעדרייט א שור, און דער פני שור אליין האט אויך ניט געוואוסט דעם שם שור אע"פ אז דורך איהם גייט דורך זיין חיות.

נאך מערער, אפילו לאחר קריאת השמות פון אדם, ביטול הגזירה פון "עליונים לא ירדו לתחתונים און תחתונים לא יעלו לעליונים" שטייט אויך אין שעה"יחוה"א אז נאר דער שור אליין איז מקבל זיין חיות אן צירופים ותמורות, משא"כ די איבעריקע חיות ע"ד ווי א עז וכשב נעמען אויך פון שור, פונדעסטוועגען ווערן זיי ניט אנגערופען בשם שור, און אדרבה אויב מ'מישט זיי צוזאמען ווערט עס גאר כלאים, ווייל מ'איז מערב זייער חיות, און דאס איז אסור.

דעריבער איז קיין פלא ניט וואס דער פני שור האט ניט געגלויבט אז דער שור למטה קען זיין שור, ווארום עס זיינען פאראן כו"כ בהמות וואס מצד דעם וואס זיי זיינען למטה פון שור, דארפן זיי אנקומען צו חילופים ותמורות און זיי הייסען עז וכבש, ועד"ז בנוגע פני ארי'.

אבער ע"פ האמור איז פארשטאנדיק דער "לעבדה ולשמרה" פון אדה"ר, אז ע"י ז וואס ער האט ממשיך געווען אז זייער חיות זאל שטייען בגילוי, אז דער שור זאל נעמען פון אותיות "שי"ן וא"ו רי"ש" און אויך עס זאל נמשך ווערן צו שה כשבים ושה עזים, ביז אז א קינד אין גאס ווייס דאס, דאס איז מוסיף א חידוש אין ג"ע - עס איז מגלה אלקות, און עס טוט אוף דעם "לעבדה ולשמרה" אין ג"ע, מצד הבריאה איז דאס ניטא, ביז אפילו אז מלאכים ווייסן ניט דערפון, אבער בשעת עס איז געווען "ויקרא האדם שמות", האט דאס אופגעטאן אז א קינד גייט אין גאס, און מ'פרעגט בא איהם וואס דאס איז, ווייס ער אז דאס איז א שור.

דערפון איז א הוכחה, אז דאס איז נוגע לכאו"א בעבודתו, ווארום מ'דארף אפלערנען פון אדה"ר, ואדרבה "למה נברא האדם יחידי", כדי ער זאל וויסען אז ער איז א "עולם מלא", וואס דערפאר איז אזוי געווען אויך בא אדה"ר וואס ער איז "נברא יחידי", ד.ה. אז דער גאנצער טעם וואס אדה"ר איז באשאפען געווארען א יחידי, כדי אז שפעטער זאל יעדער איד וויסען אז ער איז א עולם מלא.

דארף מען דעריבער דערפון ארויסנעמען די הוראה, אז בשעת מ'לאזט זיך ארויס אין גאס, קען מען דאך טראכטען אז עס זיינען דא אזוינע גרויסע מענטשן, עס זיינען דא מלאכים וכו', צי ליגט אויף איהם אז ער דארף זיך פארנעמען מיט דעם "לעבדה ולשמרה".

מילא אדה"ר, איהם האט קיין זאך ניט געפעלט, און ער איז באשאפען געווארן א יחידי, און בא איהם איז ניט געווען קיין שום מלחמות; בשעת אבער מ'רעדט וועגן איהם, וואס ער געפינט זיך אין עוה"ז הגשמי והחומרי, און ער דארף שטענדיק דאגה'ן וועגן מזון, לבוש און בית, און ער דארף אנקומען צו "בזעת אפיך תאכל לחם", ווארום אלע עניינים זיינען ניט מן המוכן, ווי זיי זיינען געווען אין ג"ע, וואו עס איז געווען "מכל עץ הגן תאכל", און אויך דארף מען היינט אנקומען צו לבושים, ואדרבה בלא"ה איז גאר אסור, ניט ווי עס איז געווען בא אדה"ר, ווי עס ווערט מבואר אין מו"נ, און אויך דארף מען האבן א בית, ביז אז "מי שאין לו בית איננו אדם", וואס דאס איז נאך שווערער ווי מזון און לבוש, טענה'ט ער אז הלואי זאל ער באווארענען זיין מזון לבוש און בית.

זאגט מען איהם, ניין! די וועלט איז זיינע, און ער דארף אויפטאן די "דירה לו ית' בתחתונים", און אויב ער האט מזון לבוש און בית וועט ער זיך קענען פראנעמען זיך מיט דעם רואיקערהייט, און אויב ער האט עס נאך ניט, קומט עס אן שווערער, אבער ער דארף אויספירן זיין שליחות.

וכידוע דער ווארט פון חסידים, אז א חסיד איז ווי א ציג ולכאורה וואס פאר א שייכות האט א חסיד מיט א ציג, נאר פונקט ווי א ציג ווייס בלויז איין זאך אז איר ענין איז געבן מילך, און קיין אנדערע דאגות האט זי ניט, ווארום איר בעה"ב דארף איר באזארגן מיט אלע אירע צרכים; אזוי איז אויך די עבודה פון א איד אויף געבן וואס דער אויבערשטער דארף, וואס באמת פעלט אים דאך גארניט נאר איין זאך בעט דער אויבערשטער פון אידן און דאס איז וואס עס שטייט "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", אז ער זאל זיין א יר"ש, במילא פירט א איד אויס זיין שליחות און ער ווערט "שלוחו של אדם כמותו", ובמילא ווערט ער אין אן אופן אז "אמר מלכא" ווערט עס אזוי אין וועלט.

און דאס טוט מען ניט אוף דורך פארברענען וועלט, ווארום מ'דארף מאכן די וועלט א "דירה לו ית'", און אויב מ'פארברענט דאס, קען דאך ניט זיין קיין דירה, נאר די גרינגע און אמת'ע וועג איז אויף דערמאנען דעם שור אז ער ווערט אנגערופען בשם שור - ד.ה. דאס וואס ער איז א מציאות און ער האט א קרן און א שן און א רגל, דאס אלץ דערגייט צו איהם דורך די אותיות "שי"ן וא"ו רי"ש", ביז מ'פועל'ט אויף איהם אז "ידע שור קונהו", במילא איז ניט שייכות אז ער זאל זיין א שור מועד, אפילו א שור נגח; אפילו ניט באופן פון תם המזיק, ווארום שוגג איז ניט דער טייטש אז מ'איז אין דעם ניט שולדיג, ווארום ווי קומט דאס טאקע אז ער איז נכשל געווארן בשוגג, נאר דאס ווערט ע"י התגברות הגשמי', און דערפאר דארף א שוגג אויך האבען א כפרה, און עס איז פארשטאנדיק אז אויף דעם קומט א קרבן, ווארום אזוי איז דאך פאראן א איסור פון שחוטי חוץ, און ברייננגען א חטאת בתורת נדבה קען מען דאך ניט, און פונדעסטוועגען זעט מען אז אויף א שוגג ווערט עס אנגערופען חטאת.

ווארום אויב ער וואלט ניט געווען קיין בעל גאוה, וואלט ער געפרעגט צי דאס איז חלב צי דאס איז שומן, נאר דאס קומט מצד התגברות הגשמי' שלו, ווילט זיך איהם דאס עסן.

וכידוע דער סיפור מיט ר' שמואל מונקש אז אמאל בשעת מ'האט פארבראכט האט מען געבראכט פלייש צו פארבייסען, אזוי ווי ער איז געווען דער ממונה, האט ער גענומען די פלייש און ארייגעווארפען אין פאמיאניצע, עס איז א דורך גענאנגען

א רגע קל, און אנגעקומען א ידיעה פון קצב אז עס איז געווען על פי טעות בשר וואס איז ניט געווען כשר, תמורת אפדאנקען איהם, איז כמנהג החסידים האט מען צו איהם געהאט טענות אז מופתים איז שייכות צום אלטען רבי'ן ניט צו איהם, האט ער געענטפערט אז ער האט בא זיך א כלל, אז בשעת זיין נפה"ב וויל א זאך זייער שטארק איז א סימן אז עס איז ניט בסדר, ווארום אויב ניט וואלט ער עס ניט געוואלט אזוי שטארק, במילא איז פארשטאנדיק אז אפילו אז מ'עסט א זאך בשוגג וויבאלד אבער ער האט הנאה דערפון, וואס דערפאר מאכט ער ברכת הנהנין, וואס דער טייטש איז אז ער איז פשוט נהנה דערפון, במילא איז ער ניט קיין נאמן צי דאס איז א דבר טוב צי ניט, במילא דארף ער האבען א כפרה, ווארום עס ווערט אנגערופען א חטא.

במילא, דורך דעם וואס מ'זאגט דעם שור ביז מאה פעמים, ווערט עס בפשטות, אז זיין קרן שן און רגל נוצט ער אויס נאר לעניני תועלת, און ניט אויף אבות נזקין און אפילו ניט אויף תולדות נזקין.

ווי מ'זעט, אז כדי צוגרייטען דעם נפה"ב אויף שמו"ע, דערציילט מען איהם ער זאל וויסען וואס זיין שרש איז, אז עס איז דא שרפים וחיות ואופני הקדש, און דערפון נעמט ער צו זיך דעם נפה"ב, און זיי שטייען אין א מצב אז זיי זאגען קדוש, און דאס פועל'ט אז דערנאך שטייען זיי ביידע צוזאמען שמו"ע, כ"עבדא קמיה מרא".

דאס אלץ קומט דורך דעם וואס מ'דערמאנט דעם נפה"ב פון וואנעט זיין חיות קומט, ע"ד ווי רש"י זאגט אין חומש, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז עס איז שייכות אויך צו א בן חמש, אז יעקב האט געזאגט צו עשו'ן אז ער האט זיך איינגעקערט מיט זיין שר למעלה, האט דאס גע'פועל'ט אויף עשו למטה.

דאס איז פארבונדן מיט די מאמרים וואס מ'חזר'ט לעצטענס, וואס דאס זיינען מאמרים פון לפני מאה שנה פון רבי'ן מהר"ש, וואס דארט רעדט ער די הפלאה פון תהו, וואס אין אנדערע ערטער שטייט עס ניט אויף אזוי פיל, וואס בכלל ווערט זיך דער המשך אפדרוקען, און דארט רעדט ער ווי אין תהו איז דא דער ביטול בגלוי, "מה" - איז דארט בגלוי, משא"כ אין תיקון דארף מען אנקומען צו א חשבון עס זאל זיין "מה" בגלוי, "מה" ווייזט אויף אורות, וואס אין תהו איז אורות מרובים, ד.ה. אז אין תהו הערט זיך מערער אן דער ביטול צו דעם יש האמיתי, און דאס וואס עס איז דארט געווען דער וימלוך - אין א אופן פון ישות איז עס מצד דעם וואס ער איז בטל צום יש האמיתי.

און דעם ענין חזר'ט ער דארט איבער כמה פעמים, איך ווייס ניט וואס זיינען געווען די מאורעות וואס האבען ספעציעל פאסירט אין תרל"ב, ווייזט אויס אז יעמאלט האט זיך אנגעהערט דאס וואס תהו האט א כח, האט מען דעריבער יעמאלט געדארפט דערציילן, אז אין תוהו איז פאראן מער ביטול ווי אין תיקון, ווארום אדם איז בלויז בגי' מ"ה, און בהמה איז מ"ה בגילוי, און דאס רעדט מען אפילו וועגן א בהמה דא למטה, און ניט נאר וועגן תוהו ווי עס שטייט פאר דעם וימות, נאר אין עשי' הגשמית, ד.ה. אז עס ווערט נמשך אויך אין דעם מין החי, ווארום זיי אלע ווערן אנגערופן בשם בהמה, ווייל בא זיי שטייט דער ביטול בגלוי.

ד.ה. אז אט די בהמה וואס געפינט זיך בא א גוי און פון איר קומט ארויס די אבות נזיקין, שטייט אין איר "מ"ה" בגילוי, און די ראי' אויף דערויף ברענגט ער פון דעם וואס "נער קטן נוהג בם", זעט מען דאך ווי בא זיי הערט זיך אן דער ביטול צו דעם מין האדם הגלוי.

דערפאר איז קרוב לומר אז דעמאלט איז געווען אזא וואס מ'האט דאס געדארפט מגלה זיין, ע"ד ווי עס רעדט זיך אין די מאמרים פון ר"ה די מעלה פון ספירת

המלכות, ווייל דעמאלט איז דער זמן פון הכתרת המלך, און ע"י תורה ווערט נמשך די הכתרה בפועל, דער תמליכוני בפועל, וואס דערפאר דארף מען דאך זאגן פסוקי התורה, דערפאר רעדט זיך אין די מאמרים די מעלה פון ספירת המלכות, ועד"ז רעדט זיך אין די מאמרים פון מוצאי יוהכ"פ דער ענין פון "לפני ה' תטהרו", ווייל דעמאלט איז דער זמן אויף דעם, ועד"ז איז דאס בנוגע אלע מאמרים וואו עס רעדן זיך ענינים וואס זיינען שייך צו דעם געוויסן זמן, ועד"ז איז דאס בנוגע כללות התורה, אז עס איז דא א חלק וואס איז פארבונדן מיט דעם חלק הראש, וואס דערפאר איז דאך "חש בראשו יעסוק בתורה", וואס דאס מיינט כנ"ל אז ער לערנט דעם חלק הראש שבתורה.

עד"ז איז עס בנוגע דעם ענין, אז ע"י וואס מ'רעדט ארום דעם ענין ווי עס איז אין שרש ומקור, אז תהו שטייט אין א העכערן ביטול, "אע"פ דאיהו לא חזי מזלייהו חזי", פועל'ט עס אויך אויף די בהמה וחי' דא למטה.

דאס ווערט נתגלה בפנימי' התורה, "מאן דנפל מדרגי' איקרי מית", פועל'ט דאס אויף תהו אז אין איהם זאל טאקע נמשך ווערן דער ביטול, בדוגמא ווי מ'דערמאנט דעם נפה"ב זיין מקור, אז אופנים וחיות הקודש שטייען בביטול, פועל'ט עס אויך אויף דעם נפה"ב דא למטה.

עפי"ז איז פארשטאנדיק אז לפני מאה שנה האט מען געדארפט מודיע זיין אין וועלט אז די וועלט שטייט אין א ביטול נאך מערער ווי אידן, ווארום א איד האט א בחירה חפשית, איז ער עכ"פ בגדר אויף מקבל זיין טומאה, (ווי מ'געפינט דעם דין בא סוכה, אז אויב נאר עס איז בגדר קבלת טומאה, גייט עס שוין ארויס מגדר סכך וסוכה), משא"כ וועלט, וויבאלד עס איז א מציאות וואס "לא ישנו את תפקידם" דריקט זיך עס אויס אין א ציור פון ביטול.

דעריבער וויבאלד, עולם איז דאך מלשון העלם והסתר, האט מען געדארפט האבען אז א נשיא בישראל, און דורך איהם זאל עס אראפקומען בדורות שלאחריו, זאל מכריז זיין אין וועלט, אז דאס איז באמת תהו, און אז עס דארף ווערן א דירת קבע לו ית', עס דארף זיך אנהערן דער ביטול צו דעם יש האמיתי און תורת אמת זאגט: אז דורך דעם וואס אידן האבען מקבל געווען די תורה ע"מ צו באלייכטען דערמיט די וועלט, און מגלה זיין אין וועלט אז דאס וואס זי שטייט בביטול איז מצד דעם וואס עס איז דא א יש האמיתי, און דאס פועל'ט אין וועלט א ביטול בגלוי.

ע"ד ווי עס רעדט זיך אין די מאמרים, אז דער וימלוך איז בתוקף, עד"ז איז דער ביטול בתוקף, ממילא דארף מען ניט מלחמה האבען מיט וועלט, ווארום די וועלט איז בטל בביטול גמור להאדם, וואס "אתם קרוים אדם", וויבאלד תורת אמת זאגט אזוי, איז פארשטאנדיק אז אזוי איז דאס.

וויבאלד עס איז דערגאנגען צו אונז לאחר מאה שנה, יהי רצון עס זאל אזוי זיין בנחת ובדרכי נועם, און דאס זאל ארפגעטאן ווערן אין א אופן אז דורך "אמר מלכא" ווערט "עקר תורא", אן קיין טרחא יתירה, און דאס זאל ווערן דער "פנו דרך" אז אומר לצפון תני, און אויף דעם "קהל גדול יבואו הנה", און פון אלע ווינקלען זאל זיין דער "ואתם תלוקטו אחד אחד", בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש.

ד. איידער מ'קלייבט זיך צוזאמען מפינות רחוקות, וועט מען ריידען א ענין; און דאס איז בנוגע לקוטי שיחות, וואס אין דעם איז געווען "טענו חטים והודה לו בשעורים".

מ'האט ארייגעשיקט ברייוו, היתכן לקו"ש זאל זיך אפשטעלן, עס איז דאך א גוטע זאך- לייגט זיך דאס בא מיר נאך פאר דעם, און נאך מערער.



הנחה פרטית בלתי מוגה